בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת נח תשפ"ד שנה י | גליון מס' 504


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די תפילה פונעם צדיק דרייט איבער פון 'צרה' אויף 'צֹהר'

**"צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים תַּעֲשֶׂהָ" (ו טז)**

**רבי גרשון** שטערן דער רב פון מאראש-לאדאש ברענגט אין נאמען פון א "צדיק אחד" א וואונדערליכער רמז פון דער פסוק אויף דעם וואס חז"ל זאגן (סוכה יד א) אז די תפילה פון די צדיקים דרייט איבער די מידת הדין אויף מידת הרחמים:

"אמה" איז ראשי תיבות: 'אלקים - מידת הדין', און דאס זאגט הקב"ה פאר נח: "וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה" - מיטן כח התפילה וועסטו קענען מכלה זיין, ד.מ. פארלענדן די מידת הדין וואס איז מקטרג אויבן, און מיט דעם: "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה", וועסטו איבערדרייען דיווארט "צרה" אויף "צהר". וויאזוי? "פֶּתַח הַתֵּבָה" - די אות צדי"ק וואס איז אנהויב ווארט "צרה", "בְּצִדָּהּ תָּשִׂים" - לאז אויף איר ארט אין די זייט פון די ווארט, אבער "תַּחְתִּיִּם" - די אותיות וואס זענען אונטער דעם, "שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים תַּעֲשֶׂהָ" - טויש אויף צווישן די צווייטע אות [רי"ש] צו די דריטע [ה"א], און מיט דעם איבערדרייען 'צרה' אויף 'צהר'.

'ילקוט הגרשוני'

## די אונטערשייד צווישן 'גשם' און 'מטר'

**"וַיְהִי הַגֶּשֶׁם עַל הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה" (ז יב)**

ביי די צווייטע ברכה פון שמונה עשרה דערציילן מיר די גבורה פון הקב"ה מיטן זאגן: "משיב הרוח ומוריד **הגשם**", דאקעגן ווען מיר בעהטן אויף רעגן זאגן מיר: "ותן טל **ומטר** לברכה", און מען דארף פארשטיין פארוואס איינמאל באנוצן מיר זיך מיט "גשם", און ביי די צווייטע דוקא מיט "מטר"?

ערקלערט **רבי שלמה הכהן מווילנא:**

אין די ווארט "גשם" איז אויך אריינגערעכנט ווילדע-רעגן וואס קומען נישט אויף דער וועלט ווי א ברכה, אזוי ווי מיר זעהן אין אונזער פסוק וואס רופט אן דעם מבול מיטן נאמען 'גשם', דערפאר האבן חז"ל דערמאנט דער טיטל ווען מען דערמאנט די גבורות פון השי"ת. דאקעגן ווען מיר קומען בעטן אויף רעגן, איז פאסיג מיר זאלן בעטן ספעציעל אויף "מטר", ווייל דאס איז א צונאמען אויף גשמי ברכה וואס קומען געלאסן.

מיט דעם ווען מיר פארשטיין פארוואס ביי 'תפילת גשם', דערנאך וואס מיר לויבן הקב"ה: "שאתה הוא... משיב הרוח ומוריד הגשם", בעהטן מיר באלד: "לברכה ולא לקללה'.

הגהות 'חשק שלמה' תענית ב א

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## ווער איז א צדיק? דער וואס זאגט אמן!

די איינציגסטע מאל אין גאנץ תנ"ך וואו שטייט אויף א מענטש דעם טיטל 'צדיק', איז אין אונזער פרשה; אין אנהויב די פרשה זאגט די תורה עדות אויף נח אז ער איז געווען "איש צדיק", אויך ווייטער טרעפן מיר אז הקב"ה זאגט פאר נח: "כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה".

וואס איז די באדייט פון די צונאמען צדיק? אויב איר וועט פרעגן די פראגע פאר א געווענליכן מענטש, וועט ער מסתמא שילדערן אין אייער אויער א געשטאלט פון א גרויסער ירא שמים, איינער וואס געבט אכטונג אויף אלע מצוות קלה כבחמורה.

אבער רבינו בחיי אין זיין ספר 'כד הקמח' (ערך אמונה) לערנט אונז אז דווקא צוליב ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה צו די טיטל צדיק. ער בויעט זיינע ווערטער אויף א אפענעם פסוק, וואו דער נביא ישעיהו זאגט (כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים", און די חכמים (שבת קיט ב) דרש'ענען אזוי: "אל תקרי 'שומר אמונים' אלא 'שאומרים אמן'". לויט דעם, איז ווי עס וואלט געשטאנען אין פסוק: "גוי צדיק שאומרים אמן", האבן מיר דא א פסוק וואס רופט אן 'צדיק' דעם וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן. אויך דער פסוק (חבקוק ב ד): "וצדיק באמונתו יחיה" איז מרמז אויף דער זאך - אין זכות "באמונתו" ד.מ. ענטפערן אמן, איז דער מענטש זוכה אנגערופן ווערן צדיק און לעבן לאנג.

א חיזוק אויף דעם קען מען טרעפן פון דער פאקט אז שוין אין דער ערשטער פסוק אין אונזער פרשה איז מרומז אז נח האט מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן, ווייל די ראשי תיבות "איש צדיק" זענען גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון אמן. נאך א רמז, אויך אין דער פסוק: דער פסוק ענדיגט זיך מיט די ווערטער: "את האלקים התהלך נח" - "האלקים" איז גימטריה אמן. דיך צו לערנען אז נח האט נישט נאר געענטפערט אמן, נאר א גאנצן טאג איז ער ארומגעגאנגען מיט א שטארקע האפענונג אויף ענטפערן אמן.

איך האב געקלערט אז מען קען עס ערקלערן אז דאס איז אויך די שבועה וואס מען באשווערט יעדן איד בעפאר ער קומט אראפ אויף דער וועלט (נדה ל ב): "תהי צדיק, ואל תהי רשע", געב אכטונג אויף ענטפערן אמן און דורך דעם: "תהי צדיק, ואל תהי רשע".

ערשט יעצט זענען פארביי די ימי הדין ווען מיר אלע האבן געדאווענט צו ווערן פארשריבן בספרן של צדיקים גמורים. מיר האפן אז אונזער תפילה איז געהערט געווארן אין הימל, דערפאר, לאמיר אלע צוזאמען זיך אונטערנעמען זיין א "צדיק שאומר אמן", מיר ווען אנהויבן אונזער טאג מיט ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר און דורך דעם זוכה זיין עס זאל ביי אונז מקוים ווערן דער פסוק: "כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה".

**מיט א רוף "תהי צדיק"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די כח פון א תמימות'דיגע תפילה —

זלמן איז געווען א ערליכער דארפסמאן, אבער גאר א איינפאכער. זלמן וועלכער איז ערצויגן און אויפגעוואקסן געווארן אין א פשוטער שטוב האט נישט זוכה זיך איינהאנדלען תורה'דיגע וויסנשאפטן, אבער זיין אמונה אין באשעפער איז געווען שטארק און פעסט.

עס האט זיך אזוי געפירט אז זלמן האט זיך באזעצט אין א קליינע און פארווארפענע דארף, וואס אלע איינוואוינער זענען געווען גוים. פון אנהייב איז געווען זיין פלאן צו וואוינען דארט נאר א קורצער צייט, ביז זיין פרנסה וועט זיך גוט אוועק שטעלן און וועט קענען אריבער גיין וואוינען צווישן אידן, אבער זלמן האט מיט סיעתא דשמיא זייער שטארק מצליח געווען, דארט אין דארף האט ער אויפגעשטעלט א גרויסע גוט, און ארום דעם זענען געווען זיינע פעלדער און ווייגערטנער, אזוי ווייט אז אין יענע געגענט איז ער געווארן דער גרעסטער וואס האט צוגעשטעלט עסן פאר די ארומיגע דערפער. אזוי זענען אריבער יארן, און זלמן וועלכער האט געמוזט וואוינען נאנט צו זיינע געשעפטן איז פארבליבן אין דעם ווייטן דארף, אן א בית-מדרש און אן א מנין צום דאווענען.

זלמן האט נישט געוואוסט ריכטיג דעם סדר פון דאווענען, און אוודאי נישט די הלכות, אבער ער האט נישט געלאזט אז די מציאות זאל האבן א ווירקונג אויף זיין אידישן לעבן, ער האט זיך אנשטרענגט צו פארן איינמאל אין א האלב יאר צום נאנטסטן שטאט, וואו ער פלעגט אריינגיין אין צימער פונעם מרא דאתרא ווען אין האנט האלט ער א דיקן סידור



דער שוהל אין סערדעהאלי

וואס ער האט בירושה פון זיין פאטער, און מיט א גרויסער העפט. דער רב פלעגט זיצן מיט אים און אויסלערנען די סדר התפילות פאר די קומענדיגע האלבע יאר, ווען איז ראש חודש און מען דארף זאגן הלל, און ווען איז יום טוב וואס איז אסור צו טוהן א מלאכה. ווען זענען די תעניתים אין וועלכע מען דארף זאגן 'עננו', און ווען זענען אנדערע ספעציעלע טעג.

אזוי האט דער דארפסמאן געלעבט לאנגע יארן אין דעם ווייטן דארף, רוב טאג איז ער געווען פארנומען מיט ארבעטן אין די פעלדער, אויפזעען אויף די ארבעטער און פארקויפן די פראדוקטן, און אין די איבערגעבליבענע שעה'ן האט ער געזאגט תהלים און געדאווענט לויט דעם רב'ס גענויע אנווייזונגען.

דאס איז געווען אין איינע פון די זעלטענע טעג וואס זלמן האט פארברענגט אין די גרויסע שטאט. זלמן, וועלכער איז אין נארמאלער טעג געוואוינט געווען צו טרעפן פיל אידן אויף די גאסן פון שטאט, ווען אסאך פון זיי האבן אים אויך געקענט און באגריסט, איז דאס מאל איבערראשט געווען צו זען די גאסן זענען ליידיג פון אידן, ווי עס וואלט געווען א יום טוב. און אלס איינער וואס האט שטרענג איינגעהאלטן דעם רב'ס אנווייזונגען אויף די ימים טובים פון יאר, האט זיך דערשראקן אויף דער געדאנק אז דאס מאל האט ער געהאט א טעות.

צעטומלט און פארוואונדערט איז ער אריין אין שול, געוואלט קוקן צי די אידן געפונען זיך דארט, און די שרעק וואס האט אים אנגעכאפט האט זיך געשטארקט. טאקע אזוי, עס קוקט אויס אז דאס מאל האט ער מסתמא געמאכט א טעות אין זיינע חשבונות, דער שול איז געווען פול מיט מתפללים אזוי ווי שבת און יום טוב.

ווער ווייסט, אפשר בין איך יעצט מחלל שבת אדער יום טוב... איז זלמן אויפגעציטערט געווארן, אבער נאכן געבן א קוק אויף די מתפללים האט ער זיך בארואיגט, זיי זענען געווען אנגעטוהן מיט טלית און תפילין, און אין שבת און יום טוב, האט ער געוואוסט, דאווענט מען נישט מיט טלית און תפילין.

און דאך האט זיך זלמן גע'חידוש'ט אין הארצן, וואס איז היינט אנדערשט פון אנדערע טעג?!

מיט גרויס ציטער איז ער צוגעגאנגען צו איינעם פון די מתפללים און געפרעגט אויף דעם באדייט פון די צוזאמענקום; וואס האט צוגעברענגט אז די שטאטישע אידן זאלן זיך צוזאמען נעמען אין שול אין א העלן טאג?! יענער האט א קוק געטוהן אויף אים פארוואונדערט און דערנאך זיך אנגערופן: "וואס, דו ווייסט נישט, היינט איז א תענית!", און האט באלד פארגעזעצט צו דאווענען.

א תענית? האט זלמן נישט פארשטאנען, ער האט נאכאמאל איבערגעקוקט זיין העפט און ניט געפונען קיין שפור פון אזא טאג. ווען די תפילה האט זיך פארענדיגט איז ער אריין צום רב און מיט א שטימע געמישט מיט וואונדער און ווייטאג האט ער געפרעגט: "פארוואס ביי די פריערדיגע באזוך האט דער רב מיך נישט געזאגט פון דעם היינטיגן תענית? ווייל איך האב נישט געוואוסט, בין איך היינט אינדערפרי' נכשל געווארן און איך האב געגעסן פת שחרית!".

"בארואיג זיך", האט אים דער רב בארואיגט, "די העפט אין דיין האנט איז ריכטיג אן קיין שום גרייז!. "אויב אזוי, פארוואס האבן זיך די מתפללים היינט צוזאמענגענומען צו דאווענען אין שול?" - האט זיך זלמן גע'חידוש'ט, "זייער פשוט", האט דער רב ערקלערט, "ווייל אין אונזער געגנט האט די רעגן פארשפעטיגט צו קומען, האבן מיר באשלאסן א באזונדערע תענית ציבור, צו בעהטן פון השי"ת ער זאל אראפשיקן גשמי ברכה".

"צוליב רעגן האבן ענק גוזר תענית געווען?", האט זלמן זיך געוואונדערט, "עס איז דאך דא אסאך א גרינגערע עצה אויף דעם..."

"וואס איז די עצה?" - האט דער רב זיך גע'חידוש'ט, און זלמן האט געענטפערט מיט א תמימות: "איך וועל דערציילן דעם רב וואס איך טו אין א פאל וואס עס קומט נישט קיין רעגן אין מיינע פעלדער און ווייגערטנער, איך גיי ארויס אין פעלד און איך בעט פאר ה' יתברך ער זאל שיקן רעגן. און וואס זאל איך זאגן... דער אויבערשטער נעמט שטענדיג אן מיין בקשה און שיקט מיר גשמי ברכה".

דער רב וועלכער איז איבערראשט געווען פון די תמימות'דיגע ווערטער, האט זיך פארטראכט אויף א מאמענט, און דערנאך זיך אנגערופן: ביטע, זלמן, טו דאס אויך יעצט, מיר נויטיגן זיך יעצט שטארק אין רעגן, ביטע יעצט דאווען פאר אונז!

אן צו זאגן א ווארט איז דער דארפסמאן ארויס צו דעם נאנטן פעלד, און אויסגעשפרייט זיינע הענט צום הימל און אנגעהויבן צו בעהטן מיט א תמימות, מיט פשוטע ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון טיפן הארצן: "טייערער פאטער, רבונו של עולם, פארוועמען האסטו באשאפן דער וועלט, צי דען נישט פאר דיינע קינדער?! דו שיקסט דאך אייביג רעגן נאר צוליב די אידן וואס היטן דיינע מצוות! אז דו האסט אפגעשטעלט די רעגן, האסטו דאך זיכער געוואלט אז זיי זאלן תשובה טון, איך האב געזען מיט מיינע אויגן ווי זיי דאווענען אין שול און טוהן תשובה אויף זייערע זינד, און יעצט, אן רעגן וועט זיי שווער זיין דיך צו דינען ווי עס דארף צו זיין, ביטע הער צו זייער תפילה און שיק זיי גשמי ברכה!"

אזוי האט דער ערליכער דארפסמאן מאריך געווען אין זיין תפילה וואס האט ענהאלטן נאך פשוטע און תמימות'דיגע ווערטער, אין דער צייט וואס דער רב איז געשטאנען און אים אנגעקוקט. און אט איז געשעהן א נס, עס איז נאר אריבער א קורצע צייט און שוין איז די הימל פארטונקלט געווארן און א שטארקע רעגן האט זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד. די פעלדער זענען גוט אנגעטרינקען געווארן, און די וואסער-גרובער זענען פול געווארן מיט ריינע וואסער, און אלע זענען אויפגעציטערט געווארן זעהענדיג דעם נס.

די מעשה פלעגט דערציילן הרה"ק בעל 'צמח צדק', וועלכער פלעגט אויספירן: "קומט און זעט ווי ווייט דערגרייכט דער כח פון דאווענען, אפילו אזא פשוטער איד, ווען ער גיסט אויס דאס הארץ פאר השי"ת, מיט א פשוטע און תמימות'דיגע אמונה, ווערט זיין תפילה באלד אנגענומען און טוהט אויף.

צו תפילה פעלט נישט אויס מער ווי גלייבן אין איר כח. ווען דער וואס דאווענט גלויבט אין זיין דאווענען און האלט עס חשוב און טייער מיט אמונה, איז ער פארזיכערט אז זיין תפילה וועט אנגענומען ווערן ברחמים וברצון".

'טיב ההתחזקות' - תפילה עמ' תרכד

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## די כוונה פון ענטפערן אמן

### די גימטריה פון אמן

**די מקובלים שרייבן אז ביים ענטפערן אמן דארף מען אינזין האבן אז די גימטריה צ"א, איז אזוי ווי די גימטריה פון די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י צוזאמען. נאך לייגן זיי צו אז בשעת'ן ענטפערן אמן זאל א מענטש זיך פארשטעלן אין זיין מחשבה די שם הוי"ה צוזאמען מיט שם אדנ"י.**

#### מקורות וביאורים:

דער 'כף החיים' (נו ט) ברענגט אין נאמען פון הרמ"ז (בפירושו לספר הזהר וילך רפה ב) אז ביים ענטפערן אמן דארף מען אינזין האבן די גימטריה פון די צוויי הייליגע שמות. און שרייבט דארט אויף די כוונה "עס איז א גרינגע זאך צו פארשטיין און אינזין, ד.מ. די פשוט'ע חלק פון די סודות". אין 'סדר נהורא השלם' (פט"ז בהג"ה) ברענגט ער א רמז אויף די כוונה פון דער פסוק (דה"י-א' טז לו): "ויאמרו כל העם אמן והלל לה'", ד.מ. אז ווען מען ענטפערן "אמן" זאל מען אינזין האבן דעם צירוף "הלל" - וואס איז גימטריה שם אדנ"י, צו "הוי"ה", וואס צוזאמען זענען זיי גימטריה 'אמן'. און לייגט צו, אז אויך דער חזן וואס קען נישט ענטפערן אמן זאל אינזין האבן אין זיין מחשבה די כוונה אין דער צייט וואס דער ציבור ענטפערט אמן.

די ראשונים שרייבן ('הרוקח' הל' סעודה סי' של; 'בעל הטורים' דברים כז כו) אז דערפאר זאגן די חכמים (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך", ווייל אמן איז גימטריה צוויי שמות, אין דער צייט וואס דער מברך דערמאנט נאר שם אדנ"י אליין. און כאטש אין שלחן ערוך (או"ח ה א) איז גע'פסק'נט אז ביים דערמאנען די שם אדנ"י ביי א ברכה זאל מען אויך אינזין די שם הוי"ה, פון דעסוועגן דער מברך דערמאנט מיט זיין מויל נאר איין שם, דאקעגן דער וואס ענטפערט אמן דערמאנט צוויי שמות ('סדר נהורא השלם' שם).

נאך שרייבט דער 'כף החיים' (ה יג) אין נאמען פון 'שער הכוונות' (דרושי החזרה דרוש ה) און 'פרי עץ חיים' (שער יא פרק ב) אז מען דארף אינזין האבן די צוויי שמות צוזאמען. און זעה דארט אז ביים ענטפערן אמן אויף א ברכה זאל ער זיך פארשטעלן די אותיות אויסגעמישט צוזאמען ווען די שם הוי"ה איז צום ערשט: 'יאהדונהי', און ביים ענטפערן אמן נאך קדיש זאל ער זיך פארשטעלן די אותיות אויסגעמישט צוזאמען ווען די שם אדנ"י איז צום ערשט: 'אידהנויה'.

אין 'סדר נהורא השלם' (שם) ברענגט ער נאך א כוונה וואס מען דארף אינזין האבן ביים ענטפערן אמן, אז די אותיות נאך אמן זענען "בנס", וואס זענען גימטריה הונדערט און צוועלף אזוי ווי די גימטריה פון "יבק". און אויף די מעלה פון די כוונה איז ער מוסיף: "דער וואס האט אינזין דער שם 'לא תשוב תפילתו ריקם', און אויף דעם שטייט אין גמרא (שם) 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'".

•

### די תפילה פון 'אור צדיקים'

**די חכמים האבן זייער מחמיר געווען אין די זינד פון ענטפערן אמן אן כוונה. כדי נישט נכשל ווערן דארף מען זאגן די תפילה יעדן אינדערפרי פארן דאווענען: "ריבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך שאני בשר ודם ואין בי כח לכוין כוונת אמן כראוי, ובכן יהי רצון מלפניך שתהא עולה כוונת אמן שלי עם כוונת אמן מאותם השרידים היודעים לכוין כוונת עניית אמן כראוי".**

#### מקורות וביאורים:

אזוי שרייבט רבי מאיר פאפירש אין זיין ספר 'אור צדיקים' (תיקון התפילה אות נב). און זעה דארט וואס ער שרייבט אז יעדער מענטש זאל אריינשטעלן די תפילה "אין זיין סידור אדער אויפן וואנט".

רבי שריה דבליצקי האט פארפאסט א אנדערער נוסח תפילה, וואס איז כולל אין זיך אלע כוונות פון אמן ('תנאים טובים' אות ב): "והריני מכוון מעתה שכל אמן שאענה יהיה כאילו כוונתי כפי ענין הברכה, והענין שאענה עליהם, שזה אמת ואני מאמין בזה, והלוואי שיהיה כן בימינו לעינינו, ושהוא מבורך ויתברך עוד, ושהוא א-ל מלך נאמן".

# אוצרות אמונים

## ענטפערן אמן מיט כוונה

### איין אמן ווי עס דארף צו זיין

ווען רבי מענדעלע וויטעבסקער איז ארויף קיין ארץ ישראל האט ער געזאגט מיט התרגשות:

כל זמן איך בין געווען אין חוץ לארץ האב איך משתוקק געווען דאווענען איין תפילה פארן באשעפער ווי עס דארף צו זיין. אבער פון ווען איך בין ארויף קיין ארץ ישראל וואס אויף דעם זאגן חכמים (ב"ב קנח ב) אווירה מחכים, די לופט מאכט קלוג, האב איך פארשטאנען אז דאווענען איין תפילה ווי עס דארף צו זיין איז א זאך וואס מען קען נישט משיג זיין, הלוואי איך זאל זוכה זיין ענטפערן כאטש איין אמן ווי עס דארף צו זיין ('אילנא דחיי - אור הנר' אות לא).

חסידים דערציילן אז אין דער טאג וואס רבי משה קאברינער איז געווארן זיבציג יאר, האבן זיינע תלמידים צוגעגרייט א סעודה לכבודו. ווען דער קאברינער איז אריין צו די סעודה האט ער געזאגט: "ווען איך וואלט געוואוסט אז א גאנץ לעבן האב איך געענטפערט איין אמן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס וואלט אלעס ווערד געווען...". אין א אנדערע געלעגנהייט האט ער געזאגט: "ווען איך וואלט געוואוסט אז אין מיין גאנצן לעבן האב איך געענטפערט איין אמן ווי עס דארף צו זיין, וואלט איך אינגאנצן נישט געזארגט" ('אמרות משה' [ב"ב תשע"ו] ח"א עמ' קצב-קצג).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד דער רעדאקציע פון 'וכל מאמינים' הי"ו

שלום וברכה

אין דער צייט וואס מיר גייען אנהייבן בעטן אויף רעגן אין ארצינו הקדושה, מיין איך אז עס איז פאסיג אנצייכענען א רמז וואס קען באלייכטן די שייכות פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן און רעגן:

אויפן פסוק וואס ווערט געברענגט אין פרשת נח (בראשית ח ב): "ויסכרו מעינות תהום וארובות השמים ויכלא הגשם מן הארץ", האב איך געטראפן א טייטש אין ספר 'שמנה לחמו', אז די סופי תיבות פון דער פסוק: "ויכלא הגשם מן השמים" איז "מאמן", און פון דא איז א רמז אז די רעגן קומט 'מאמן' - אין זכות פון ענטפערן אמן. און די ווערטער זענען צוגעפאסט צו וואס חז"ל זאגן (תענית ח א): "אין גשמים יורדים אלא בשביל בעלי אמנה".

אויף דעם האב איך געטראכט צושטעלן א וואונדערליכער רמז פון דער פסוק וואס מיר זאגן יעדן טאג ביי קריאת שמע, ביי די קאפיטל "והיה אם שמוע": "ונתתי מטר ארצכם בעתו"; "נתתי מטר ארצכם" - איז ר"ת אמן.

מיט א ברכה "ולגשמים בעתם ונאמר אמן"

**חיים צבי שטיין - בית שמש**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענטפערן אמן

## "מלאך בכל בית"

עס וואלט אויסגעזען ווי נאך א געווענליכע שמועס וואס גייט ארויס פון די אפיס פון 'בני אמונים'. פון די אנדערע זייט פון די ליין האט געענטפערט א מאמע פון איינער פון די קינדער וואס האט געוואונען ביי די הגרלה וואס איז פארגעקומען מיט עטליכע טעג פריער, און האט זיך געפריידט צו הערן אז איר קינד האט געוואונען א שיינע מתנה.

אזעלכע געשפרעכן קומען פאר אין אונזער אפיס עטליכע מאל א טאג, דער געניטער שטאב איז שוין געוואוינט צו הערן פון דער אנדערער זייט ליין געשרייען פון פרייד, ווי אויך דאנק ווערטער און ברכות. אויך דאס מאל האט זיך דער שמועס געזאלט אזוי ענדיגן, אבער דאס מאל האט די מאמע זיך נישט געאיילט אראפלייגן. זי האט זיך געהערט איבערראשט מער ווי געווענליך, און נאכן בעטן ערלויבעניש צולייגן עטליכע ווערטער, האט זי דערציילט איר איבערראשנדע געשיכטע:

"דאס איז געווען דעם לעצטן חודש, אינמיטן ווינטער. בעפאר מיין צען-יעריגער זון איז געגאנגען שלאפן האט ער געטוהן א געפערליכער זאך, ער האט אנגעשטעלט א שבת זייגער פאר די אויוון וואס איז געווען נעבן זיין בעט, עס זאל אנהייבן ווארימען זעקס אזייגער אינדערפרי, מיט זיין תמימות האט ער געוואלט זיך פארגרינגערן צו קענען ארויסגיין פון די ווארעמע בעט צו די אינדרויסנדע קעלט. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז פאר ער האט דאס געטוהן האט ער געבעטן מיין רשות, אבער איך בין געווען פארנומען און איך האב נישט געהערט וואס ער רעדט צו מיר.

אזוי, אין יענער נאכט זענען מיר אלע געשלאפן אן צו וויסן פון די סכנה וואס שוועבט העכער אונזער קאפ.

די מעשה וואלט זיך געקענט ענדיגן טראגיש חלילה, אויב נישט דעם קומענדיגן אינדערפרי האב איך באשלאסן אויפצושטיין פרי, און פארוואס? ווייל מיט עטליכע טעג פריער, אלס א טייל אין דעם וואונדערבארן פראיעקט פון 'בני אמונים', האבן מיינע קינדער אנגעהויבן זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן. זיי האבן באשלאסן צו זאגן די ברכות השחר אין שטוב, ווען איינער זאגט און די אנדערערע ענטפערן אמן.

וויבאלד אין די ערשטע טעג האט דאס צוגעברענגט א פארשפעטיגונג מיטן זיך קענען גרייטן אינדערפרי, האב איך פון יענעם טאג באשלאסן אויפשטיין פרי, איך זאל קענען ארגאניזירן די טעשעלך פון די קינדער בעפאר זיין שטייען אויף, און אזוי וועל איך זיין פריי צו ענטפערן נאך זיי אמן מיט כוונה און רואיגקייט.

איך בין אויפגעשטאנען אביסל נאך זעקס אזייגער, און איך האב באלד געפיהלט דעם גערוך אין דעם נאז. ס'איז געווען א שטארקער ריח, וואס האט נישט איבערגעלאזט קיין ארט פאר א צווייפל - א פייער האט אויסגעבראכן אין שטוב!

מיט שרעק בין איך ארויסגעשפרונגען פון בעט און אנגעהויבן זוכן דעם מקור פונעם גערוך. נאטירליך בין איך געלאפן אין קיך, אבער דער קיך איז געווען פונקט אזוי ווי איך האב עס נעכטן נאכט איבערגעלאזט. די מיידלעך - צימער איז אויך געווען שטיל און רואיג. אבער ווען איך בין אריין אין די יונגלעך - צימער איז פון מין מויל ארויס א געשריי.

וואס איך האב דארט געזעהן איז געווען אומגלויבליך: מיין צען-יעריג יונגל איז געשלאפן רואיג אין זיין בעט, אין דער צייט וואס דער אוויון נעבן זיין בעט ברענט. די פייער האט זיך שוין אנגעכאפט אין די קישן וואס איז געווען אונטער זיין קאפ, און א מינוט שפעטער האבן זיך די פלאמען געקענט אנכאפן אין זיינע האר... מיין שרעקליכע געשריי האט אויפגעציטערט דעם גאנצן הויז, עס איז געווען איינער וואס האט גלייך געזארגט אויסצולעשן די פייער. דער טאג האט זיך אנגעהויבן מיט א פאניק, אבער צוביסלעך האט זיך דער הויז צוריקגעקערט צו זיין נארמאלן סדר.

ערשט נאכדעם וואס איך האב מיך אביסל בארואיגט, אין די נאכמיטאג שעה'ן, האב איך אנגעהויבן פארשטיין ווי גרויס איז דער נס וואס איז געשען מיט אונז. עס איז א נס וואס איז אינגאנצן פארבינדן מיט ענטפערן 'אמן'! איך האב עס דערציילט פאר מיינע קינדער און איך האב זיי געזאגט: זעט קינדער, ווי גרויס איז דער כח פון ענטפערן אמן.

מיר אלע זענען געווען איבערגענומען, און דאן האט מיין זוהן, דער העלד פון דער מעשה, אנגעוויזן אויפן פראיעקט - צעטל פון 'בני אמונים' וואס איז געהאנגען אויפן טיר פון פרידזשידער, א צעטל וואס זיין טיטל איז "אמן בכל בית", און פארגעשלאגן: "לאמיר טוישן דער נאמען פון די פראיעקט".

"מיר זאלן טוישן דעם נאמען, פארוואס? צו וואס?" האבן מיר זיך געוואונדערט, און ער האט דערקלערט: "ביז יעצט האבן מיר געוואוסט, אז אמן איז גימטריה מלאך. אבער יעצט ווען מיר האבן זוכה געווען דאס צוזעהן קלאר מיט די אויגן, איז פאסיג אז מיר טוישן דעם נאמען פונעם פראיעקט פון "אמן בכל בית" אויף "מלאך בכל בית!"".

עס איז נישט קיין חידוש אז דער געדאנק איז אנגענומען געווארן דורך אלעמען, און דאס האט צוגעלייגט ענערגיע אויף אונזער שטרענגקייט צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין און מיט א הידור - וואס פון דעם טאג און ווייטער וועט עס ביי אונז באקומען א באזונדערע באדייט".

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווער פונעם בעל הילולא



רבי אברהם ערלאנגער זצ"ל

## דער 'ברכת אברהם'

### ה' חשון תשפ"ב

רבי אברהם ערלאנגער זצ"ל איז געבוירן געווארן אין שווייץ אין חודש טבת תרצ"ב צו זיין פאטער הרב שמשון רפאל ערלאנגער ז"ל.

אין יאר תשי"ב איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און איז אריין לערנען אין די מיר'ער ישיבה, וואו ער האט געלערנט תורה פון דער ראש ישיבה רבי חיים שמואלעוויץ. שפעטער איז ער אריבער לערנען אין דער בריסקער ישיבה, וואו ער האט זיך אנגעקניפט אין רבי יאשע בער פון בריסק, און האט אויך זוכה געווען צו לערנען יעדן מוצאי שבת מיטן מרן הגרי"ז.

אין יאר תשט"ז איז ער געווארן א איידעם ביי רבי חיים יוסף יאקאבאוויטץ, פון די רבנים פון ישיבת 'קול תורה'. באלד נאך זיין חתונה איז זיין שווער נפטר געווארן, און ער איז פארבעהטן געווארן צו ערפילן זיין פלאץ אין דער ישיבה.

ווען ער איז געווארן זיבעציג יאר, האט ער באשלאסן זיך אפזאגן פון זיין פאסטן אין ישיבה כדי ער זאל קענען משקיע זיין צייט צו לערנען מסכתות וואס מען לערנט נישט אין ישיבה, אבער ער האט ווייטער איבערגעגעבן 'חבורות' ביי אים אין שטוב פאר בחורים אין אלע מקצועות התורה. זיינע ספרים 'ברכת אברהם' אויף מסכתות ש"ס זענען אויפגענומען געווארן מיט ליבשאפט צווישן די תלמידי חכמים, טראץ זיין גרויסקייט איז ער אגאנץ לעבן געגאנגען אין די זייטן פון די וועג און אנטלאפן פון פרסום.

ער איז נפטר געווארן ה' חשון תשפ"ב, און א ריזן ציבור האט אים באגלייט אויף זיין לעצטער וועג צו די נייע חלקת הרבנים אויפן הר המנוחות.

## אמן איז א חלק פון די ברכה

**אין זיין ספר 'ברכת אברהם' אויף מסכת ברכות (מז א) ערקלערט ער דער טעם פון דער מנהג פון רבי חיים וואלאזשינער נישט זאגן ברכת הנהנין אן עס זאל זיין איינער וואס וועט ענטפערן אמן, און אזוי זענען זיינע ווערטער:**

די פוסקים שרייבן אז ווייל דער 'אמן' איז א חלק פון די ברכה, דערפאר איז ריכטיג לכתחילה אז דער מברך זאל אינזין האבן יוצא זיין די חוב פון 'אמן' מיטן עס הערן פון די וואס ענטפערן (רמ"א או"ח קסז ב; 'ביאור הגר"א' שם; 'משנה ברורה' שם כ).

ווייל ער האט חושש געווען צו די דעה וואס אויך זיין רבי דער גר"א האט אזוי געהאלטן, האט דער 'נפש החיים' מקפיד געווען אז בשעת די ברכה זאל זיין איינער וואס וועט ענטפערן אמן נאך זיין ברכה, און מיט דעם וואס ער האט אינזין געהאט יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן, האט ער געהאט א גאנצע ברכה.

לויט דעם - לייגט צו דער 'ברכת אברהם' - קען מען זאגן אז דער מאמר חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך", קען מען פארטייטשן אויך אויפן מברך זע־לבסט; מיט הערן די אמן וואס ווערט געענטפערט אויף זיין ברכה, און מיט זיין כוונה יוצא זיין און מיט דעם מש־לים זיין די ברכה, איז זיין זכות גרעסער פון זאגן די ברכה.